

# רואה ואינו רואה

די גבורת הנפש פון הרה"ח **ר' משה לעפקאוויטש** הי"ו פון מאנסי וועלכער איז **ליידער א סגי נהור**, אבער ער **לעבט כאילו לא היה** און גייט אן מיט'ן טאג-טעגליכן לעבן מיט **א פאזיטיוון בליק כאחד האדם** // וויאזוי א פייערדיגער סקווירא חסיד איז געווארן אן איידעם ביים גרויסן ברסלבער משפיע // וויאזוי ער האט אויפגעשטעלט א שטוב לשם ולתפארת טראץ זיינע שווערע פיזישע באגרעניצונגען // **ומשה היה רואה**

**ישראל יאזשעף**

בילדער: ארכיון משפחת לעפקאוויטש, מאמענט מאגאזין





״אייער קינד גייט פארלירן זיין זע-קראפט,״ האט דער דאקטער ערקלערט פאר די ערשיטערטע עלטערן.

די וועלט פון הרה״ח ר׳ מענדל לעפקאוויטש ז״ל און זיין בני בית איז פון איין מינוט צו דער אנדערער פארטונקלט געווארן. זיי זענען געקומען פאר א רוטינער אונטערזוכונג ביים דאקטער מיט זייער איין יעריג משה׳לע, און דא אזא ביטערע בשורה.

״ער האט א פראבלעם מיט זיין רעטינע,״ האט דער דאקטער פארגעזעצט. ״זיינע אויגן קענען פאקטיש זען, אבער די רעטינע - וואס דארף איבערגעבן דאס בילד פונעם אויג צום מח - פונקציאנירט נישט ווי געהעריג, און מיט דער צייט וועט דאס ארויסגיין פון דינסט.״

די קרענק איז גאר א זעלטענע. דער קליינער משה לעפקאוויטש איז געווען דער ערשטער צו ווערן דיאגנאזירט מיט דער פראבלעם. די פראבלעם איז געווען א חידוש בעולם הרפואה, און די דאקטוירים און מומחים אין דעם פעלד האבן נישט געהאט קיין רפואה פאר דעם.

״סומא חשוב כמת,״ זאגן אונז חז״ל. אלע ארומיגע האבן מיט רחמנות פאראויסגעשאצט א טונקעלע צוקונפט פאר דעם קליין קינד.

דער קליינער משה׳לע האט זיי אלע איבערראשט.

ער האט נישט געקוקט אויף זיינע שוועריגקייטן, און מיט א ווייטן בליק האט ער זיך קעגנגעשטעלט אלע שוועריגקייטן אין וועג. ווי א העלד איז ער בייגעקומען אלע זיינע נסיונות, אנדערש ווי ערוואַרטעט.

ער האט טאקע נישט געקענט ליינען, דאך האט ער געלערנט מיט גרויס התמדה. טראץ זיין טונקלקייט, האט ער אויפגעשטעלט א ליכטיגע חסידישע שטוב, מיט דרייצן קינדערלעך און צענדליגער אייניקלעך בלע״ה. טראץ זיינע באגרעניצונגען, האט ער אן געארבעט אומבאגרעניצט צענדליגער יארן אין בית השחיטה מיט גרויסע מאשינען און מעסערס, וואו ער האט גע׳כשר׳ט טויזנטער עופות מיט גרויס מומחיות און אנגעפירט מיט א סוקסעספולן ״כפרות צענטער״. און כאטש וואס ער איז א סגי נהור, האט ער געדינט ווי אן ארכיטעקט, וואס האט מיט א פאכמאנישער וויזיע געבויט א שול און אנדערע פראיעקטן.

•

ווען מיר האבן געהערט איבער הרה״ח ר׳ משה׳ס אויסערארדנטליכער לעבנסגעשיכטע, וויאזוי ער שווימט דורך אלע לעבנס כוואליעס וואס טרעפן אים אן טעגליך, האבן מיר באשלאסן אפצוהאלטן א שמועס מיט אים, אז מיר פשוט׳ע מענטשן, וועלכע מוטשען זיך צומאל מיט פיל קלענערע פראבלעמען, זאל זיך אפלערנען פון דעם לעבעדיגן מוסר ספר.

עס איז געווען א רעגנדיגער זונטאג ווען מיר זענען געגאנגען צו ר׳ משה׳ס שטוב אין מאנסי. חוץ א רעמפ פאר א רעדער-בענקל האט דאס אויסגעזען געווי ווי אלע אנדערע. עס האט געלעבט מיט קינדער און אייניקלעך, ווי גארנישט זאל אנצייגן אז די שטוב איז געבויט געווארן מיט אויסטערלישע מסירת נפש.

ווען מיר זענען אנגעקומען, האבן מיר געקלונגען צו ר׳ משה. ער האט זיך אנטשולדיגט אז ער האט זיך פארלערנט און ער קומט אט צו גיין. נאך עטליכע מינוט איז ר׳ משה, מיט דער הילף פון א ספעציעלן שטעקן, געקומען צו גיין. מיט א שמייכל האט ער אונז אנטפאנגען און מכבד געווען צו זיצן.

פאר עטליכע שעה זענען מיר געזעסן צוגענאגלט צו אונזערע ערטער, שלינגענדיג מיט דארשט זיין לעבנסגעשיכטע, וואס קומט באגלייט מיט א זעלטענער שמחת החיים, טראץ זיינע עשרה נסיונות.

הרב ר׳ משה האט אנגעהויבן זיין געשיכטע ביי זיין טאטן ז״ל, א ריכטיגער פארצייטישער חסידישער איד (ווי באשריבן אין דעם קאלום ״חסידים הראשונים״ פ׳ תולדות און ויצא), וועלכער האט מיט הארעוואניע אויפגעצויגן א הערליכן דור אונטער גרויס דחקות, און שפעטער דעם יד השם וואס האט אים צוזאמגעפארט מיט זיין זעליגן שווער, הרה״ח ר׳ שמואל שפירא זצ״ל, מגדולי משפיעי ברסלב, כאטש וואס ר׳ משה איז געווען א פייערדיגער סקווירא חסיד.

## התקרבות צו הרה״ק ר׳ אהר׳על ראטה זצ״ל

מיין טאטע האט געוואוינט אינעם דערפל אומנא, אין טשעכעסלאוואקיע. דאס איז אין געגנט פון מיהאלעוויץ, סטראפקוב, קאשוי, און נאך.

ווען ער איז געווען א בחור, איז ער נתקרב געווארן צו הרה״ק ר׳ אהר׳על ראטה, בעמח״ס שומרי אמונים, וואס האט נאך דאן געוואוינט אין בערעגסאז.

אמאל איז געקומען א איד פון בערעגסאז, א תלמיד פון רבי אהר׳על, און ער האט ממש געקאכט און איבערגעדרייט אז ס׳איז אויפגעשטאנען א נייער בעל שם טוב.

מיין טאטע וועלכער איז נאך דאן געווען א בחור, איז געפארן אהין אויף שבת צו זען במה דברים אמורים. מיין טאטע פלעגט אראפלייגן וויאזוי דאס דאווענען האט דארט אויסגעקוקט, מיט געוואלדיגע קולות און השתפכות הנפש וואס

איז נישט שייך אפצומאלן פאר ווער עס האט דאס נישט געזען. נאכ'ן דאווענען פרייטאג צונאכטס איז געקומען דער טיש, די זמירות און דער קידוש – עס איז געווען מיט א זעלטענעם ברען וואס מיין טאטע האט קיינמאל פריער נישט געזען אין ערגעץ.

אינמיטן דעם קידוש איז דורכגעלאפן א מחשבה פאר מיין טאטן: איז דאס אלעס טאקע אן אמת'ע עבודה, אדער עס איז בלויז א שפיל? ווי נאר ער האט דאס געטראכט, איז ער געפאלן חלשות. ר' אהר'עלע האט געשיקט אים גיבן פון זיין קידוש ווין כדי אים צו דערמונטערן. שפעטער ווען ער איז דורכגעגאנגען ר' אהר'עלע האט אים ר' אהר'עלע געזאגט, "האסט געהאט שלעכטע מחשבות..."

דאס תופס זיין א צווייטנ'ס מחשבה איז ביי ר' אהר'עלע געווען עפעס וואס יעדער האט כסדר מיטגעהאלטן. ער פלעגט גיבן שיעורים אין גמרא פאר די בחורים, און אויב האט א בחור געהאט אומאויסגעהאלטענע מחשבות בשעת'ן לערנען, פלעגט ער קלאפן אויפ'ן טיש צו ערוועקן דעם בחור.

## דעם טאטנ'ס שידוך

ווען מען האט גערעדט דעם שידוך פון מיין מאמען ע"ה מיט מיין טאטן ז"ל, זענען געווען דריי פראבלעמען. ערשטנס, די עלטער, וויבאלד מיין מאמע איז געווען זעכצן יאר אלט און מיין טאטע איז געווען דרייסיג. צווייטנס, ס'איז נישט געווען קיין געלט חתונה צו מאכן. און דריטנס, מיין מאמע האט נישט געוואלט אנטון א שווארץ טיכל און שווארצע זאקן, אזויווי דער מנהג אין תולדות אהרן.

מיין מאמע'ס טאטע איז געווען א וויזניצער חסיד, איז ער דאן אריין צום רבי'ן דער דמשק אליעזר אנפרעגן איבער דעם שידוך, און ער האט אים פארגעלייגט די דריי פראבלעמען. דער דמשק אליעזר זצ"ל האט געגעבן זיין פולע הסכמה, און געהייסן טון דעם שידוך. בנוגע די דריי ספיקות, האט ער געזאגט אזוי: "די עלטער? זיי וועלן ביידע מאריך ימים זיין. געלט אויף דער חתונה וועט מען צוזאמשטעלן. און אויפ'ן לבוש וועט זי נאכגעבן."

ווען דער שידוך איז געווארן, האט די גאנצע גאס געטומלט, א זעכצן יעריג מיידל מיט א דרייסיג יעריגן בחור. אבער ווען מען האט געזאגט פאר ר' אהר'עלע דערוועגן, האט ער געגעבן א מאך מיט דער האנט, זאגנדיג, "ער וועט איר נאך איבערלעבן!"

איבריג צו זאגן אז אלעס איז מקויים געווארן. נישט נאר וואס זי האט זיך אנגעטון דעם פרומען לבוש, נאר זי איז געווארן ממש א פאטריאט פאר דעם לבוש.

מיין טאטע איז אוועק ביי די 92 יאר, איבערלעבנדיג מיין מאמע מיט אכט חדשים, נאך וואס מיין מאמע איז אוועק ביי די 76 יאר, שוין האבנדיג דערלעבט א פינפטן דור.

## ירושלים של מעלה

מיינע עלטערן האבן צוערשט געוואוינט אין ירושלים פאר עטליכע יאר. דארט איז געבוירן געווארן מיין עלטערע שוועסטער, און דערנאך בין איך געבוירן געווארן.

ווען איך בין געווען בלויז איין יאר אלט, בין איך דיאגנאזירט געווארן מיט מיין פראבלעם אויף די אויגן. דער דאקטער האט דאן פאראויסגעזאגט פאר מיינע עלטערן אז מיט דער צייט גיי איך פארלירן די ראי'. עס איז געווען א שווערע בשורה, אבער דאן האב איך געקענט זען.

איך געדענק פון יענע יארן אין ירושלים א מאסיווע הפגנה ווען די ממשלה האט געוואלט בויען א "מועדון" – א פארברענג פלאץ, מיט'ן איינעם ציל אוועקצושלעפן די יוגנט. מיין טאטע איז דאן געזעסן אין תפיסה צוליב'ן זיך באטייליגן ביי דער הפגנה. מען האט נישט קיין השגה וואס די רשעים האבן אלץ געטון אפצושמד'ן וואס מער אידן רח"ל. ווען איך צעקאך זיך היינט צוטאגס אין בית המדרש איבער ציונות, פרעגן מיר מענטשן צומאל פארוואס איך קאך זיך אזוי. און איך ענטפער, "ווייל איך האב א בעסערע ידיעה איבער זיי!"

איך זאג דאס נאך, ווייל מען דארף צו וויסן און חזר'ן וואס די רשעים די ציונים האבן געטון צו כלל ישראל און וואס זיי טוען נאכאלץ, מיט'ן איינעם ציל אויסצורייסן די אמונה טהורה פון אידישע קינדער היל"ת.



## מיינע יוגנט יארן

ווען איך בין געווען אומגעפער פיר און א האלב יאר אלט, האבן זיך מיינע עלטערן געצויגן קיין קוממיות, און געוואוינט דארט פאר פיר יאר. עס האבן דאן געוואוינט דארט צווישן זעכציג און אכציג משפחות.

אין חדר האב איך געלערנט ביי הרה"ח ר' משה דאסקאל ז"ל (פעטער פון ר' יחיאל ישראל פון דאהי אין מאנסי).

ווען איך האב אנגעהויבן לערנען א"ב און עברי, האב איך דאס ב"ה גוט געקענט. איך האב זיך אבער געוואונדערט אויף מיר אליין פארוואס איך קען נישט ליינען שנעל. איך האב שוין פון געבורט געהאט א שוואכע זע קראפט, אבער איך האב דאס נישט אינאכט גענומען, ווייל אויסער ליינען אביסל שטאטער ווי נארמאל האב איך ב"ה נישט געהאט קיין שום אנדערע פראבלעם מיט די אויגן.

## א לעבן פון דחקות

אנפאנג יאר תש"כ האבן מיר זיך צוריקגעצויגן קיין ירושלים, אין דעם געגנט וואס איז היינט באקאנט אלס הר נוף. מיין טאטע האט דארט אויך אויפגעשטעלט א הינער שטייג, פרובירנדיג צו מאכן פרנסה פון די אייער. דאס מזל האט אים אבער נישט צופיל געשפילט, און די הוצאות זענען געווען מער ווי די הכנסות.

מיין מאמע איז אבער יא געווען גאר א טויגליכע. זי האט אלע יארן געקאכט און געבאקן

## א דאָרפיש לעבן אין קוממיות

מיין טאטע האט זיך געצויגן קיין קוממיות פאר פרנסה. אין גאנץ ארץ ישראל איז געווען גאר שווער מיט פרנסה, זינט דער ערשטער ראש ממשלה ב"ג ימ"ש האט נישט ערלויבט צו ארבעטן ווער עס איז נישט געגאנגען אין מיליטער. זיין כוונה איז געווען אזוי ארום צו באצווינגען די פרומע אידן צו דינען אין מיליטער, אבער עס איז אים ב"ה נישט געלונגען. עס האבן זיך געעפנט כוללים, און מען האט געשטיצט די ערליכע אידן לומדי תורה, אזויוי מען טוט נאך ביז היינט. אבער דער מצב הפרנסה פאר ערליכע אידן איז אין רעזולטאט קיינמאל נישט געווען לייכט.

אין קוממיות איז געווען גרינגער מיט פרנסה, צוליב דער פעלד ארבעט, האט זיך מיין טאטע אריבערגעצויגן אהין. אבער פאר מיין טאטן איז קיינמאל נישט באשערט געווען קיין עקסטערע דאגע פון פרנסה. ער איז געווען א ריכטיגער חסיד'ישער איד, און כאטש ער האט אלעמאל פרובירט צו ברענגען פרנסה, האט זיך אבער דער עולם הזה מיט אים נישט פארשטאנען, און ער איז נישט צופיל אויפגערעכטן געווארן אין קוממיות.

מיר האבן דארט געהאדעוועט הינער וואס האבן געלייגט אייער. אנדערע האבן געהאדעוועט בהמות, אבער ווי געזאגט, מיין טאטע האט נישט ספעציעל געטויגט דערצו, אבער הינער איז דאך פיל לייכטער צו האדעווען, האט מיין טאטע פרובירט צו ציען חיונה פון די הינער.

עס זענען אויך געווען פארשידענע פראגראמען פון דער ממשלה וואס האבן געזאלט ארויסהעלפן מיט פרנסה, און עס איז געווען א איד וועלכער האט געארבעט מיט דער רעגירונג אויף די פראגראמען. ווען ער איז אמאל געקומען צום קוממיות'ער רב הרה"צ ר' בנימין מענדלסאן זצ"ל און דערציילט אז א געוויסע פראגראם וואס ער האט געהאפט צו באקומען פון דער רעגירונג איז דורכגעפאלן, האט ר' בנימין אים געענטפערט, "פאר מיר איז דאס א בשורה טובה, נישט וועלנדיג נהנה זיין פון דער ממשלת הכופרים."

## מכת ארבה אין קוממיות

אין איינעם פון די פיר יאר איז געווען די באקאנטע שמיטה יאר שנת תשי"ט, ווען עס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס מען האט אין קוממיות געהיטן שמיטה. דער גאנצער געגנט ארום איז דאן געשלאגן געווארן מיט א מכת ארבה, עס זענען געקומען ריזיגע מחנות פון היישעריקן און אויפגעגעסן אלעס פון די פעלדער, עס איז געווען גאר א גרויסער שאדן פאר אלע פעלד אייגנטימער. אבער די קוממיות'ער פעלדער פון די שומרי שמיטה זענען געבליבן אפגעשוינט געווארן.

דאס אז עס קומען היישעריקן איז גראדע נישט אזא זעלטנהייט, עס פאסירט נאך היינט אויך, נאר היינט ווען דאס פאסירט שפריצט מען א סם וואס הרג'עט זיי אויס. דעמאלט האט מען אויך געשפריצט, אבער מען איז נאך ווייט נישט געווען אזוי פארגעשריטן, און די שפריצונגען האבן ווייט נישט געהאלפן.

דאס אז קוממיות איז באהיטן געווארן פון דער מכה, איז געווען א נס גלוי ומפורסם. נישט בלויז האבן די היישעריקן נישט אויפגעגעסן גארנישט, נאר זיי זענען ניטאמאל אריינגעקומען אינעם גאנצן דארף! דער וועג פון קוממיות ביז'ן הויפט שטראז איז געווען ארום 3 קילאמעטער, און דער פאסט טרעקל וואס איז געקומען צופארן קיין קוממיות פונדרויסן איז געווען אינגאנצן באדעקט מיט היישעריקן, און ווי נאר ער איז אריינגעפארן אין קוממיות זענען אלע היישעריקן אראפגעשפרונגען.

איך געדענק אויך גוט די סיני מלחמה וואס איז געווען אין יענע יארן. קוממיות איז גאר נאנט צו עזה, און עס זענען דאן געווען גאר אסאך פעלער ווען טעראריסטן האבן זיך אריינגעכאפט און אפגעטון מעשי טעראר ה"י. איז געווען א פאל ווען א קוממיות'ער איד איז געווען אויפ'ן פעלד, און ער האט באמערקט צוויי טעראריסטן קומען אין ריכטונג פון קוממיות, ער האט זיך אראפגעלייגט אויף דער ערד צו באהאלטן זיין אנוועזנהייט. מער ווי דאס האט ער גארנישט געקענט טון. אבער צו זיין שטוינונג, ווען זיי זענען אנגעקומען אביסל נענטער, האבן זיי זיך פארקירעוועט און געגאנגען צו א דערנעבנדיגן דארף, זיי האבן דארט אריינגעווארפן א גראנאט אין א שולע, און עס זענען ליידער גע'הרג'עט געווארן עטליכע קינדער ה"י. ווען מען האט געכאפט די טעראריסטן, האט מען זיי געפרעגט פארוואס זיי האבן זיך פארקירעוועט פון קוממיות, האבן זיי געענטפערט אז זיי האבן געזען א פייער ברענען ארום דעם דארף.

און געגנייט מיט די צען פינגער, און אין צוגאב האט זי זיך באשפעטיגט מיט פארשידנס, אז עס איז געווען מיט וואס דורכצושטופן די טעג. אבער מיר האבן אלץ געלעבט אין דחקות. ווען עס איז אין יענע יארן אמאל אנגעקומען א חלוקה פון חוץ לארץ, איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איך האב טועם געווען פוטער. עס איז געווען שטארק געזאלצן, כדי עס זאל זיך האלטן לאנג. אייער און אביסל הינער פלייש האבן מיר דאך געהאט, אבער פון בשר בהמה האבן מיר ניטאמאל געוואוסט צו חלומ'ען.

איינמאל וואס איך האב אלס קינד געהאט בשר בהמה, איז געווען אין קוממיות ווען עס איז געלונגען צו כאפן א הערש, און מען האט דאס גע'שחט'ן און צעטיילט דאס פלייש. די צונג איז דאן אנגעקומען צו מיין טאטן, מיין באבע האט דאס אפגעקאכט, עס האט געהאט אלע טעמים.

צוריקקומענדיג קיין ירושלים, איז מיין טאטע אסאך געפארן קיין חוץ לארץ אלס משולח. קיין תולדות אהרן האט ער נישט געקענט געהעריג צוריקגיין, צוליב וואס עס איז געווען א תקנה אז ווער עס ציט זיך אוועק קען שוין נישט צוריק ווערן א מיטגליד אין דער חבורה, אבער ער פלעגט נאך אהינגיין דאווענען און גוט שבת זאגן און געבליבן נאנט.

צוריקקומענדיג פון קוממיות, בין איך אריין לערנען אין סאטמארער חדר. איך האב געלערנט ביי הרה"ח ר' יואל שימאנאוויטש ז"ל און הרה"ח ר' חיים ביטמאן ז"ל און נאך. אין סאטמאר בין איך געווארן א פייערדיגער סאטמארער. ביי די צוועלף יאר האב איך שוין געלערנט דעם ספר ויואל משה.

## פראבלעמען מיט דער ראי'

ביי די צוועלף יאר האב איך אנגעהויבן צו זען פלעקעדיג. אויב האט געשיינט די מינדעסטע ליכטיגקייט אין מיינע אויגן, האב איך שוין נישט געקענט ליינען. איך האב דאן אנגעהויבן פארשטיין די סיבה פון מיין ליינען שטאט. איך האב געקענט זען דאס ווארט וואס איך האב אויף דער רגע געליינט, און איך האב אויך געזען פונדערווייטנס ארום און ארום, אבער דעם ווארט אויף וועלכן איך האב פאקוסירט האב איך געזען א דיקן שווארצן רונד, וואס האט ווי פארשטענדליך פארשווערט מיין ליינען.

באמת איז דאס שוין געווען אזוי פון ווען איך האב אנגעהויבן ליינען, נאר עס איז נאכנישט געווען אזוי שטארק, און איך האב דאס נישט אינאכט גענומען.

ביי די 13-14 יאר האב איך שוין גארנישט געקענט ליינען, נאר בדוחק גדול מיט א

פארגרעסערונג גלאז. אזוי בין איך אנגעגאנגען ביז נאנט צו די 50 יאר, ווען מיין זע קראפט ווערט צוביסלעך שוואכער און שוואכער.

דערווייל איז נאכנישט פארהאן קיין רפואה אויף דער קרענק. עס איז פארהאן א מהלך פון וועלכן מען רעדט שוין יארן לאנג, וויאזוי צו ערזעצן די מענטשליכע רעטינע מיט א קאמפיוטער טשיפ, אבער דערווייל איז דאס בלויז טעאריעס.

אין ישיבה איז מיר געווען גאר גאר שווער. עס איז נאך דאן נישט געווען די פארשטענדעניש צו נפשויות'דיגע פראבלעמען אזויווי היינט. מען האט נאך דאן נישט פארשטאנען ווי וויכטיג עס איז זיך אפצוגעבן מיט פראבלעמען וואס פלאגן תלמידים גייסטיג.

איך האב נישט באקומען קיין סימפאטיע פון מיינע ארומיגע, און אפגערעדט אין ישיבה וואו קיינער איז מיר נישט קעגנגעקומען צוליב מיין פראבלעם.

צומאל האט מען מיך געקענט שטרענגערהייט אפירנעמען צוליב'ן זיך נישט אויסצייכענען אין די לימודים ווי עס דארף צו זיין. לדוגמא, ווען מען זעט נישט גוט, דארף מען זיך שטארק איבערשטרענגען און מען ווערט זייער מיד. איך פלעג זיך מוזן אראפלייגן יעדן נאכמיטאג פאר א דרימל, אבער אויב האט זיך געמאכט אז איך בין צוליב דעם געווען שפעט ביים סדר האב איך געליטן דערפאר.

עס איז ממש א מתנה פון הימל אז דאס האט מיך נישט צוגרונד געלייגט, און איך האב ווייטער געלערנט פלייסיג לויט וויפיל איך האב געקענט.



עס איז נאך דאן
נישט געווען די
פארשטענדעניש
צו נפשויות'דיגע
פראבלעמען אזויווי היינט.
מען האט נאך דאן נישט
פארשטאנען ווי וויכטיג
עס איז זיך אפצוגעבן
מיט פראבלעמען וואס
פלאגן תלמידים גייסטיג

## דער שוואגער הגה"צ ר' מרדכי שטיינער שליט"א

ווען מיין עלטערע שוועסטער איז געווען פופצן יאר אלט, איז זי א כלה געווארן מיט הגה"צ המפורסם ר' מרדכי שטיינער שליט"א, אב"ד בית מרדכי. דער חתן ר' מרדכי איז דאן געווען צוויי און צוואנציג יאר אלט.

רבי מרדכי איז באקאנט מיט זיין אויסטערלישער עבודת התפלה. דער סאטמארער רב זי"ע האט זיך אפגעשטעלט באטראכטן זיין דאווענען נאך ווען ער איז געווען א בחור. עס איז געווען אמאל ווען דער סאטמארער רב האט געזאלט אדורכגיין אין בית המדרש דעם פלאץ וואו ר' מרדכי איז געשטאנען און געדאווענט, און מען האט געוואלט בעטן ר' מרדכי זאל זיך אוועקרוקן, האט דער סאטמארער רב נישט געלאזט שטערן ר' מרדכי, נאר ארומגעגאנגען דעם וועג.

זייער חתונה איז געווען דאהי אין אמעריקע. איך האב שוין געהאט געזען מיין שוואגער, ווייל דער שידוך איז געשלאסן געווארן אין ארץ ישראל, אבער ביי דער חתונה האב איך זיך נישט באטייליגט, ווייל דעמאלט איז נישט געווען קיין רעדע און געלט פאר אזא זאך. איך האב אים אבער געשריבן בריוו און ער האט מיר צוריקגעשריבן. ער האט מיר געשריבן תורות פונעם סאטמארער רבי זי"ע.

מיין טאטע איז אהערגעקומען שוין א תקופה פאר דער חתונה, וועלנדיג גיין נאך געלט אפצוצאלן זיינע חובות. זייענדיג דא, האט אים געטראפן הרה"ח ר' משה גדלי' שפיצער ע"ה פון שיכון סקווירא. זעענדיג מיין טאטן מיט'ן גאנצן חסיד'ישן געשטעל, האט ער אים געזאגט, "אזא איד ווי איר מוז קומען אויף א שבת קיין סקווירא!" מיין טאטע האט אנגענומען די איינלאדונג, און איז אהינגעפארן אויף שבת.

## התקרבות צו הרה"ק מסקווירא זצ"ל

יענעם שבת וואס מיין טאטע האט פארוויילט אין שיכון סקווירא, זענען די ראשי קהילה צוגעקומען צו מיין טאטן מוצאי שבת, און פארגעלייגט אז זיי זוכן אצינד א מנהלת פאר דער מיידל שולע, און ווי מען שמועסט איז זיין פרוי – מיין מאמע – גאר טויגליך פאר דער פאזיציע, ווילן זיי איר אויפנעמען אויף דעם פאסטן.

פון דארט האבן זיך זאכן שנעל געדרייט. מיין מאמע האט באקומען די פאזיציע אין שולע, און וואונטועל האט זיך די משפחה אפיציעל אריבערגעצויגן פון ירושלים קיין שיכון סקווירא. איך בין דאן געווען א בר מצוה בחור. איך האב נאך בר מצוה געהאט אין ירושלים און געלייגט תפילין ביי האדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל, וועלכער איז אויך געווען מיין מוהל און מיין סנדק.

בשעת ווען מיינע עלטערן זענען געווען די ערשטע וואכן אין סקווירא, בין איך מיט די אנדערע געשוויסטער נאך געווען אין ארץ ישראל. עס איז געווען גאר שווער צו פארן מיט דער גאנצער משפחה קיין חוץ לארץ.

## ויסעו מירושלים ויחנו בשיכון סקווירא

דאס זיך אריבערציען אפיציעל מיט אלע קינדער איז אריגינעל געווען גאר א לאנגע פראצעדור. צו מאכן שריפטן האט געדויערט א מינימום פון דריי וואכן, אבער געווענליך האט דאס געדויערט לאנגע חדשים. דערנאך האט מען נאך געדארפט ווארטן א לאנגע צייט צו באקומען אן אודיענץ ביים קאנסול.

מיין טאטע איז קודם געקומען אליין און פרובירט דאס מסדר צו זיין, אבער עס איז נישט געגאנגען, איז מיין מאמע אויך צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל. די ראשי קהילה אין סקווירא האבן געהאט א נגיעה אז די זאך זאל ווערן מסודר ווי אמשנעלסטן, כדי מיין מאמע זאל קענען זיין צוריק אין סקווירא אלס מנהלת, האבן זיי אנגעוואנדן פארשידענע שתדלנות ביי די אמעריקאנער רעגירונג אינסטאנצן, און צוויי טעג נאך וואס מיין מאמע איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל האבן מיר אלע געהאט פאספארטן. וויניגער ווי צוויי וואכן שפעטער זענען מיר שוין געווען אויפ'ן פליגער קיין אמעריקע.

אבער מיט די אלע שתדלנות איז דאס נישט געווען קיין דרך הטבע, נאר דער סקווירא רבי' זצ"ל האט געגעבן א זאג פאר מיין מאמע איז ארויסגעפארן קיין ארץ ישראל, "זי וועט פארן פאר א וואך-צוויי און דערנאך וועט זי צוריקקומען," און אויפ'ן טאג צוויי וואכן פון ווען זי איז ארויסגעפארן פון סקווירא קיין ארץ ישראל איז זי געווען צוריק מיט אלע קינדער. עס איז טאקע געווען מלובש אין דער טבע דורכ'ן שתדלנות וואס די ראשי קהילה האבן אנגעוואנדן, אבער עס איז קלאר אז דאס אליין וואלט נישט מצליח געווען אזוי שנעל. מען האט דאס אסאך געזען ביים סקווירא רבי'ן זצ"ל, אז ער האט געגעבן א זאג א ווארט וואס האט אויסגעקוקט איינגאנצן אומדירעקט אדער נישט פינקטליך, אבער עס איז מקויים געווארן אקוראט ווי ער האט געזאגט.

דאס איז געווען אין יאר תשכ"ד. רוב גאסן אין שטעטל זענען נאכנישט געווען אויסגעפלאסטערט.

איך בין דאן געווען א בר מצוה בחור, און איך בין אריין לערנען אין סקווירא תלמוד תורה. מיין מלמד איז דאן געווען ר' אנשיל וואלעדארסקי, און דערנאך האב איך ווייטער געלערנט דארט אין ישיבה קטנה.

ווען איך בין אנגעקומען פון ארץ ישראל, בין איך געגאנגען מיט א נידריגן ביבער הוט, און א יאר דערויף האב איך געטוישט צו א הויכן הוט. איך בין שוין דאן געווען א פייערדיגער סקווירא חסיד. כהיום ווען איך וואוין שוין נישט אין סקווירא אזויפיל יארן, איז אבער פארבליבן א שטארקער ידידות צווישן אונז, און ווען איך גיי אהין איז מיר דער סקווירא רבי שליט"א גאר שטארק מקרב.

מיין טאטע איז געווארן אדוק ומקושר אינעם סקווירא רבי'ן זצ"ל, ער האט נישט פארפעלט קיין איין טיש. צום באוואונדערן האט מיין טאטע געזען אין דעם סקווירא רבי'ן זיין רבי'ן ר' אהר'עלע. דער סקווירא רבי איז דאך געווען א מתון, און אפילו ביים דאווענען ווען ער האט אראפגעלייגט אן אויסטערלישע עבודה, איז אבער על פי רוב אלעס געגאנגען מיט א רואיגקייט, גאר אנדערש פון ר' אהר'עלע ביי וועמען אלעס איז געווען מיט אן אפענעם קאך און ברען. מען האט געזען א חילוק ביים סקווירא רבי'ן זצ"ל צווישן דעם דאווענען פון יעדן טאג, שבת, און דעם דאווענען פון ימים טובים וכדומה וואס מען זאגט נישט יעדן טאג. די שטיקלעך וואס ער איז געווען געוואוינט צו זאגן, פלעגט ער זיך אסאך מער קענען איינהאלטן און דאווענען מער רואיג, און ביי די מער זעלטענע טיילן פון דאווענען פלעגט ער אפטער זיך צעקאכן. ספעציעל געדענק איך זיין אקדמות אום יום טוב שבועות, דאן איז ער געווען ממש ארויס פון די כלים אינגאנצן, עס האט דורכגענומען די ביינער.

ווי אין ירושלים און אין קוממיות, האט מיין טאטע געזוכט מיט וואס זיך צו באשעפטיגן אויף צו ברענגען ברויט אין שטוב. ויהי אז עפעס האט זיך פארהאנקערט אינעם בוטשערי געשעפט אין סקווירא, און עס איז נישט געווען ווער עס זאל כשר מאכן פלייש, איז פאר עטליכע וואכן דאן נישט געווען קיין פלייש אין שטעטל. דער סקווירא רבי זצ"ל האט געלאזט רופן מיין טאטן, און אים געזאגט, "איר קומט דאך פון ירושלים, דארט קען יעדער איינער כשר מאכן עופות. די היזיגע אידן זענען נישט געוואוינט דערצו. אפשר קענט איר טון די ארבעט?" מיין טאטע האט זיך גענומען דערצו, עס איז אים גאר שווער אנגעקומען, עס האט אים געדויערט גאר לאנג כשר צו מאכן עטליכע עופות.

נאך עטליכע וואכן איז מיין טאטע אריין צום סקווירא רבי'ן, זאגנדיג אז ער וויל אויפגעבן די ארבעט, ווייל עס איז אים צו שווער צו טראגן דאס אחריות און וויסן אז אלע אידן אין שטעטל פארלאזן זיך אויף זיין כשר מאכן. דער רבי האט געגעבן א מאך מיט דער האנט און געזאגט, "פאר דעם דארף איך אייך!" עס איז אים זייער געפאָלן מיין טאטנ'ס ערליכקייט און תמימות, און ער האט דייקא געוואלט אז אזא איד זאל טראגן דאס גרויסע אחריות.



## דער קשר מיט הרה"ק מראחמיסטריווקא זצ"ל

אין ישיבה קטנה אין סקווירא איז געווען דער משגיח הר"ר אברהם בייער (ז"ל), און אין ישיבה גדולה איז ווי באקאנט דער ראחמיסטריווקער רבי זצ"ל געווען משגיח, און הגה"צ ר' משה גרין זצ"ל איז געווען ראש ישיבה. דער דרך הלימוד פון ר' משה גרין איז געווען להפליא. ער האט געזעצט יעדעס ווארט פון גמרא, רש"י און תוספות, אזש צום אונטערשפרינגען. דער חידוש איז געווען אז ער איז געווען גאר א שטארקער און טיפער למדן, אבער דאך האט דאס נישט אוועקגענומען קיין משהו פון זיין דעטאלירטן וועג פון אפלערנען יעדעס ווארט.

דער ראחמיסטריווקער רבי זצ"ל האט ארויסגעשטארצט מיט זיין אייגנארטיגקייט ווען עס איז געקומען צו חינוך, צו פארשטיין צום נפש פון א בחור. איך האב אנגעקניפט מיט אים גאר א נאנטן קשר, וואס האט אנגעהאלטן ממש ביז לעצטנס, ווען כלל ישראל האט פארלוירן דעם גרויסן אור.

אפילו אין די גאר עלטערע יארן, ווען ער האט שוין נישט דערקענט געהעריג קיין מענטשן, האט ער מיך אלעמאל תיכף דערקענט. איינמאל אויף די עלטערע יארן ווען איך בין אריין צו אים מיט א קוויטל, האב איך געבעטן, "דער רבי זאל אנווינטשן אז איך זאל ממלא זיין דעם תפקיד צוליב וועלכן איך בין אראפגעקומען אויף דער וועלט." די בקשה איז אים זייער געפאלן, ער האט געבעטן איך זאל דאס נאכאמאל איבערזאגן, און ער האט אנגעוואונטשן.

ארויסצוברענגען דעם קשר וואס איך האב געהאט מיט אים להבחל"ח, דערמאן איך זיך אז ער האט מיר אמאל מכבד געווען מיט'ן בענטשן פרייטאג צונאכטס ביים טיש, וואס איז געווען א גרויסער חידוש, ווייל געווענליך פלעגן ממש נאר זיינע קינדער בענטשן אויפ'ן כוס.

שיעור עיון האב איך דעריבער ממש נישט געקענט מיטהאלטן, דאקעגן ביי שיעור פשוט בין איך געווען פון די בעסטע לערנערס. אזוי אויך אין זייטיגע צייטן האב איך פלייסיג געלערנט טראץ מיין באגרעניצטע זע קראפט, און איך האב אזוי מסיים געווען עטליכע מסכתות. איין מגיד שיעור אין ישיבה האט שטארק סימפאטיזירט מיט מיר און מיין מצב, דאס איז געווען ר' אברהם בייער, פון אים האב איך געהאט פארשטענדעניש.

וועלנדיג אויסנעמען ביים ראש ישיבה הגאון ר' משה גרין, פלעג איך אלץ פרובירן צו פארענטפערן ווען ער האט געפרעגט א קשיא, און ער פלעגט ב"ה אלעמאל הנאה האבן וויאזוי איך האב צענומען די גמרא.



דער ראחמיסטריווקער רבי זצ"ל האט ארויסגעשטארצט מיט זיין אייגנארטיגקייט ווען עס איז געקומען צו חינוך, צו פארשטיין צום נפש פון א בחור.

## חברים העלפן לערנען

דאס לערנען אן קענען זען געהעריג איז געווען גאר שווער. דאס ביסל וואס איך בין יא אנגעקומען, איז געווען בלויז ווען איך האב געהאט א חברותא וואס האט מיר פארגעזאגט וואס עס שטייט אין גמרא.

דער בעסטער חברותא וואס איך האב פארמאגט איז געווען הרה"ג ר' יוחנן וואזנער שליט"א, היינט ראב"ד סקווירא ודומ"ץ סקווירא מאנטרעאל. ער פלעגט אסאך לערנען מיט מיר. ער פלעגט מיר אויך פארזאגן סליחות. אן אנדערער חבר, הרב ר' מענדל פעלבערבוים, פלעגט מיר פארזאגן תהלים, און מיין שיעור פשוט חברותא איז געווען הרה"ג ר' וועלוול גאלדמינצער שליט"א. אזוי אויך איז געווען א בחור הרב ר' אברהם ברייער וואס פלעגט לערנען מיט מיר.

איך געדענק אז דעם שווערן תוספות אין ערשטן פרק פון מסכת סוכה, וואו מען רעדט ארום שטארק קאמפליצירטע חשבונות, האב איך געלערנט מיט הגה"צ ר' דוד טווערסקי שליט"א, אדמו"ר מראחמיסטריווקא ירושלים.

איך האב מיר ארויפגעזעצט אויף א בחור אז ער זאל מיר פארזאגן דעם תוספות. דער בחור האט געקענט באשטיין מיר צו טון די טובה, אבער ער האט זיך נישט געוואלט אריינלאזן אין דעם אריכות פונעם תוספות מיט מיר ווען איך דארף דאס פארשטיין אן אריינקוקן אינעווייניג, האט ער מיר געזאגט, "איך זאג דיר איינמאל אפ דעם תוספות, אז דו כאפסט דאס איז גוט, און אז נישט זאג איך דאס נישט נאכאמאל!" ער האט געהאלטן ווארט, ער האט דאס איינמאל אפגעזאגט, און אזויווי איך בין ב"ה זייער גוט אין חשבון, און איך האב דאס אלעמאל ליב געהאט, האב איך דאס תיכף איבערגעזאגט נאכ'ן הערן בלויז איינמאל.

שיעור פשוט האבן מיר געלערנט מסכת בבא קמא ביידע הגוזל פרקים, און איך האב דאס ב"ה געענדיגט די ערשטע פון אלע בחורים. איך פלעג לערנען יעדן טאג א בלאט, און דערנאך איבערגע'חזר'ט דעם נעכטיגן בלאט, און איינמאל א חודש האב איך איבערגע'חזר'ט אלע בלעטער פון דעם פארגאנגענעם חודש. דער ראחמיסטריווקער רבי זצ"ל האט דאן זייער משבח געווען מיין וועג פון לערנען. און ביז היינט ווען מיינע אייניקלעך פרעגן מיך, עצה איך זיי צו לערנען אויף דעם אופן.

## דער וואונדערליכער שידוך

מיין שוויגער האט געהאט א שוועסטער אן אלמנה. זי פלעגט אסאך קומען קיין סקווירא, און זי פלעגט אלעמאל זיין צוגאסט אויף שבת ביי מיינע עלטערן. איך בין געווען א פרומער בחור, און ווען זי איז געקומען פלעג איך זיך זעצן ביי דער סעודה אויף אן אנדערן טיש, נישט וועלנדיג זיצן אויף איין טיש מיט א פרעמדער פרוי. היינט טראכט איך אז איך דארף תשובה טון אז איך האב איר אפשר מצער געווען דערמיט.

די פרוי האט געהאלטן אז איך בין פאסיג פאר איר שוועסטער'ס טאכטער, און זי האט אנגעטראגן דעם שידוך. אין יענער תקופה האט מיין זיידע ז"ל – מיין מאמע'ס טאטע – געליטן

פון א סטראוק ל"ע, איז מיין מאמע געפארן קיין ארץ ישראל אים באזוכן, און איך בין מיטגעגאנגען. זייענדיג אין ארץ ישראל, איז פאר עטליכע מענטשן איינגעפאלן דעם שידוך. כאטש איך בין געווען א סקווירא בחור, און סקווירא מיט ברסלב זענען דאך ממש כלאים, אבער אזויווי איך האב שוין דעמאלט ל"ע געליטן אויף דער ראי', און מיין פרוי – די דעמאלטיגע מדוברת – איז געבונדן צו א ווילטשעיר נאכ'ן ליידן פון פאליא ה"י, איז פאר אסאך מענטשן איינגעפאלן דעם שידוך.

איך אלס סקווירא בחור האב נישט געוואלט הערן דערפון. ברסלב איז ביי מיר געווען ווילד פרעמד. דער רבונו של עולם האט אבער אנדערש געוואלט, און הערט ווי וואונדערליך דער מזווג זיווגים האט צוגעפירט אז דער שידוך זאל געשען.

עס איז געווען אין יאר תש"ל ערב ראש חודש שבט – אינמיטן די ימי השובבי"ם, ווען עס איז געווען א גרויס געפארעכץ קיין מירון.

איך בין געפארן מיט א טעקסי אינאיינעם מיט מיין חבר הרה"ח ר' שמעון ווידער (הי"ו). דער קאר איז געווען פול מיט אידן וואס זענען געפארן קיין מירון. עטליכע רייזנדע זענען געווען ברסלבער חסידים, ביי וועמען מירון איז גאר א גרויסער עסק. זיצנדיג אינעם טעקסי נאך פאר'ן ארויספארן, האט א געוויסער ברסלבער יונגערמאן מיר אנגעהויבן דערקוטשען איבער'ן התנגדות צו ברסלב. אזוי רעדנדיג גיט ער מיר א זאג, "אט קומט ר' שמואל שפירא, ער וועט שוין מאכן פון אייך א לייט."

איך בין געווארן אינגאנצן אנגעדרייט. איך האב שוין געוואלט זען ווער עס איז דער ר' שמואל שפירא וועמענ'ס טאכטער מען טראגט מיר אן. איך האב שוין דאן נישט געקענט ליינען, אבער א פנים האב איך נאך געקענט זען. גיב איך אים א פרעג, "ווער איז ר' שמואל?" האט ער מיר געוויזן אויף א איד וועלכער איז געקומען צום קאר. איך האב אנגעקוקט דעם איד, און עס האט מיר געכאפט א ציטער, זיין צורה האט געברענט מיט יראה.

מיין שווער איז געזעסן אינעם קאר גראד הינטער מיר, און דער ברסלבער יונגערמאן איז געווען פארנומען מיט'ן מיך פייניגן. ער האט זיך אויסגעדרייט צו מיין צוקונפטיגן שווער, זאגנדיג, "ר' שמואל! אט איז א סקווירא בחור, מאכט פון אים א לייט!"

פון דער אנדערער זייט איז געזעסן א איד א ריכטיגער ירושלמי, מען האט נישט געקענט שטיין נעבן אים אן לאכן. ער האט רחמנות געהאט אויף מיר אז איך בין געפאלן א קרבן צו דעם ברסלבער איד, האט ער אלץ פרובירט צו פארדרייען דעם שמועס, און ווען דער ברסלבער יונגערמאן האט זיך עפעס אנגערופן אין מיין ריכטונג, האט זיך דער צווייטער צעעפנט זיין מויל אז דער גאנצער קאר האט זיך ממש געווארפן פאר געלעכטער.

## מיין שווער הרה"צ ר' שמואל שפירא זצ"ל

די גאנצע צייט האב איך באטראכט מיין שווער, איך האב מיר נישט געקענט אפוואונדערן וויאזוי ער זיצט פארגלייזט מיט פארמאכטע אויגן, און דאס גאנצע געלעכטער האט מיט אים נישט געהאט דאס מינדעסטע שייכות. ער איז באמת נישט דאהי' געווען! דאס האט מיך דורכגענומען ביז גאר. איך האב שוין געהערט פון דעם מושג פון דביקות, אבער איך האב געוואוסט אז דאס זעט מען ביי א רבי'ן, אבער ביי סתם א איד צו זען אזא ווירטשאפט איז מיר געווען גאר א גרויסער חידוש.

אויפ'ן וועג קיין מירון זענען מיר דורכגעפארן שכם, און מיר האבן זיך אפגעשטעלט ביי קבר יוסף הצדיק. ווי נאר מיר זענען אויסגעשטיגן פונעם קאר, איז דער אראבער וועלכער איז געווען ממונה אויפ'ן פלאץ אנטקעגן געלאפן מיין שווער מיט א גרויס יראת הכבוד, און אים געברענגט וואסער זיך צו וואשן די הענט און ליכט צו צינדן. אט האט זיך פאר מיינע אויגן ווירקליך אפגעשפילט א לעבעדיגע מציאות פון "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך".

אנקומענדיג צו קבר יוסף הצדיק, האט מיין שווער זיך משתטח געווען אויפ'ן ציון, און איך מוז באטאנען אז ער איז בכלל נישט געווען קיין ספעציעל געפילישער מענטש, ער איז געווען א ריכטיגער מח שליט על הלב, יעדער ריר איז געווען מיט א חשבון. די גאנצע עבודה זיינער וואס איך האב צוגעזען איז געווען אויסגערעכנט און מיט א מתינות, און אויף דעם אופן איז צוגעגאנגען זיין השתטחות. דאס השתטחות זעלבסט איז מיר געווען א חידוש, אין סקווירא האב איך דאס קיינמאל נישט געזען. דערנאך האט ער אנגעהויבן זאגן תיקון הכללי, איך האב נישט געזען וואס ער



האט אויפגעמישט ווייל איך האב שוין דאן נישט געקענט ליינען, אבער איך האב געהערט ווי ער זאגט יעדעס ווארט מיט א מתינות, עס האט זיך ממש ווי מיטגעזאגט פון זיך אליין. איך בין ממש צעשרויפט געווארן. איך האב מיך אליין אנגעהויבן צו פרעגן, דאס איז דער שידוך וואס איך זאג אפ?

אזוי איז אריבער ביים קבר יוסף, דערנאך זענען מיר צוריק אריין אין קאר אויפ'ן וועג קיין מירון.

אנקומענדיג קיין מירון, האט מען שוין געווארט פאר אים, ווייל עס איז געווען זיין חזקה צו דאווענען מנחה פאר'ן עמוד. מיר זענען אנגעקומען תיכף פאר מנחה גדולה, און מען האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה מיט יום כיפור קטן.

איך האב געבעטן שמעון ווידער זאל מיר פארזאגן תהלים. ער האט באמת געוואלט קודם זאגן יום כיפור קטן, אבער ער האט מוותר געווען דערויף צוליב מיר, און דאס מוז איך ארויסברענגען, אז רוב מענטשן וואלטן דאס נישט געטון, אפילו איך דריי זיך אין א סביבה וואו יעדער קען מיך און יעדער ווייסט מיין מצב, דאך מוטשע איך זיך אפטמאל מיט'ן טרעפן איינער וואס זאל מיר פארזאגן אדער לערנען מיט מיר.

צוריק קיין מירון, איך האב אנגעהויבן זאגן תהלים מיט שמעונ'ען, אבער ווי נאר מיין שווער האט אנגעהויבן תפלה לעני כי יעטוף, האט ער מיך ווי אוועקגעשלעפט פונעם תהלים און איך האב ממש נישט געקענט זאגן די ווערטער, איך בין געווארן צוגעצויגן צו זיין דביקות'דיגן און מתיקות'דיגן דאווענען. ווען ער האט אנגעהויבן הויכע שמונה עשרה, בין איך ממש פאר'שיכור'ט געווארן. זייט דעם סקווירא רבי'ן האב איך קיינעם נישט געהערט אזוי דאווענען, איך האב שוין גארנישט געקענט זאגן קיין תהלים, איך בין געבליבן שטיל און אויסגעהערט זיין דאווענען.

זייענדיג פון די קורצסטע טעג פונעם יאר, איז דער אוונט שנעל צוגעפאלן, און מיר האבן זיך צוריקגעדרייט צום קאר אויפ'ן וועג קיין ירושלים. דורכאויס דעם גאנצן טאג האב איך נישט געזען אז מיין שווער זאל עפעס האבן טועם געווען, ווארשיינליך האט ער געפאסט. איך האב מיר מיטגענומען עפעס צו עסן פאר'ן טאג, אבער נישט ער. אויפ'ן וועג צוריק איז ער געווען אין גאר א דערהויבענער שטימונג, ער האט געזונגען בר יוחאי מיט א ברען, עס איז ממש געווען א בחינה פון מוצאי יום הקדוש.



מיין שווער פלעגט
אלעמאל זאגן אז
ער איז עדות נאכ'ן
זיין געפאנגען צווישן
די אראבערס, אז
מען האט מיט זיי'
גרינגערהייט געקענט
זיך דורכקומען ווען
נישט די ציונים

## עס הייבט זיך אן דער קשר

צוביסלעך האב איך אנגעהויבן זיך צושארן צו אים. איך האב געהאט ביי מיר עטליכע טענזשערינס, האב איך אים געפרעגט אויב איך קען אים מכבד זיין מיט איינס, און ער האט מסכים געווען. ווי נאר דער אויבנדערמאנטער ברסלבער יונגערמאן האט דאס געזען, האט ער זיך אנגערופן צו מיר, "אויב ר' שמואל האט פון דיר גענומען, ביסטו א פארטיגערן!" ווייזט אויס אז ער האט נישט אזוי שלעכט געזאגט...

אויפ'ן וועג צוריק האבן מיר זיך אפגעשטעלט קודם אין צפת ביי דער מקוה פונעם אר"י הקדוש, דארט בין איך שוין געווארן גאר היימיש מיט מיין שווער. ער איז געווען צו מיר אזוי צוגעלאזן, ממש מיט א פאטערליכער ליבשאפט. זייענדיג שוין שפעט פארנאכטס, איז מיר שווער געווען אליין אראפ צו גיין די טרעפ צו דער מקוה, צוליב מיין שוואכער זע קראפט, האט ער מיר אונטערגעהאלטן. מיר האבן זיך גע'טובל'ט אין מקוה, און געגאנגען צו די הייליגע ציונים פון בית יוסף, בת עין, און נאך, דערנאך ביים ציון פון רבי פינחס בן יאיר דערנאך זענען מיר אהיימגעפארן.

דעם גאנצן וועג אהיים האב איך זייער אנגענעם פארברענגט מיט אים. ער איז געווען מיט יארן פריער געפאנגען אין ירדן, און ער האט מיר דאן דערציילט די גאנצע געשיכטע. עס איז נישט יעצט דער פלאץ אריינצוגיין אין די דעטאלן פון דער גאנצער געשיכטע, אבער אזויפיל איז יא כדאי צו דערמאנען, אז מיין שווער פלעגט אלעמאל זאגן אז ער איז עדות נאכ'ן זיין געפאנגען צווישן די אראבערס, אז מען האט מיט זיי' גרינגערהייט געקענט זיך דורכקומען ווען נישט די ציונים.

ווי געזאגט, האב איך שוין דאן געוואוסט אז מען רעדט דעם שידוך, אבער מיין שווער האט נאכנישט געוואוסט דערפון. מיט ארום צוויי וואכן שפעטער האט מען מיך אים געוויזן. ער האט זיך

דערמאנט אין אונזער פארברענגען צוזאמען ביי דער נסיעה, און ער האט תיכף אויסגעדריקט זיין גוטן ווילן צום שידוך.

איך בין אנגעקומען אהיים מיט א שטייפן באשלוס אז דער שידוך איז פאר מיר, און איך האב נישט געוואלט הערן פון עפעס אנדערש. עס האבן זיך גערעדט אנדערע שידוכים, אויך פון מיידלעך וואס האבן געליטן פון פאליא, איינס איז אפילו געווען פון גאר א חשוב'ער רבי'שער משפחה, אבער איך האב נישט געוואלט וויסן פון עפעס אנדערש ווי די טאכטער פון ר' שמואל. מיינע עלטערן האבן זיך בכלל נישט צוגעכאפט צום געדאנק, זייענדיג סקווירא חסידים האבן זיי נישט דווקא געזוכט קיין ברסלבער שידוך, אבער איך בין געווען אנטשלאסן, און דער שידוך איז בשעטו"מ געשלאסן געווארן.

א צייט שפעטער האב איך געטראפן דעם ברסלבער יונגערמאן, האט ער מיר געזאגט, "דו ווייסט? ר' שמואל איז נישט קיין מיסיאנער, ער האט נאך קיינעם נישט איבערגערעדט, אבער גלייך נאך דער נסיעה האט ער מיר געזאגט, 'מען דארף זען דעם בחור מקרב צו זיין.'"

## צווישן ברסלב און סקווירא

נאכ'ן שידוך בין איך צוריקגעקומען קיין סקווירא. דער סקווירא רבי שליט"א האט שטארק געשטופט דעם שידוך. ווען מען האט אים ערווענט אז מיין שווער איז א ברסלבער חסיד, האט ער געזאגט, "ר' שמואל איז אן אנדערע זאך." ער האט געקענט מיין שווער, און ער האט געוואוסט אז ער איז א גברא רבה.

באמת איז דאס געווען אינטערעסאנט פון ביידע זייטן, ווייל אין ברסלב איז נישט פארהאן קיין פארעווע התנגדות. א רבי פון וועמען מען איז נישט קיין חסיד, איז מען א פייערדיגער מתנגד. און מיין שווער האט געוואוסט אז מיין טאטע איז א סקווירא חסיד, און דאך האט ער מסכים געווען צום שידוך.

מיט די יארן איז מיר דאס אבער פארענטפערט געווארן, דאס איז געווען ווען א איד איז אמאל געווען ביי מיין שווער, און בתוך הדברים האט יענער איד געגעבן א זאג פאר מיין שווער, "איר ווייסט אז דער סקווירא רבי זצ"ל איז געווען א גרויסער מענטש?" האט מיין שווער רעאגירט, "איך ווייס! איך ווייס!" ביז דאן האב איך פרובירט נישט צו רעדן מיט מיין שווער איבער סקווירא, אבער הערנדיג דאס האב איך פארשטאנען אז אויב זאגט ער "איך ווייס", ווייסט ער טאקע. האב איך אים געגעבן א פרעג, "דער שווער זאגט אז ער ווייסט, פון וואנעט טאקע ווייסט דער שווער?" האט ער מיר געזאגט, "אין ברסלב האט זיך געדרייט א איד ר' נחמן רוסישער, ער האט זיך געדרייט ביים סקווירא רבי'ן אין שטוב אין בוקארעסט נאכ'ן קריג, און ער האט מיר דערציילט איבער דעם גדלות פונעם סקווירא רבי'ן. ער האט מיר אפילו אויסגעלערנט זיין כל מקדש."

אזוי האב איך זיך שוין ערלויבט צו רעדן מיט מיין שווער איבער דעם סקווירא רבי'ן, און ער האט אלעמאל ארויסגעוויזן א געוואלדיגע הערצה צו אים. וואס איך האב נאר נאכגעזאגט פונעם סקווירא רבי'ן האט ער שטארק אנגענומען.

שפעטער בין איך געוואויר געווארן אז לעומתו ברוך יאמרו, דער סקווירא רבי זצ"ל האט אויך געהאט א גרויסע הערצה צו מיין שווער. ער האט געהאט א גבאי צדקה אין ארץ ישראל ר' משה שוסטער, און ער האט אפירגעזוכט עניים הגונים אין ארץ ישראל פאר ווען דער רבי האט געשיקט געלט, און איינער פון די עניים הגונים איז געווען מיין שווער. איך האב געהאט געוואוסט אז ר' משה שוסטער שטיצט מיין שווער, אבער איך בין הערשט שפעטער געוואויר געווארן אז דער סקווירא רבי שטייט דערונטער. אזוי אויך האב איך זיך דערוואוסט אז ער האט אליין פערזענליך געשיקט געלט צו מיין שווער.

מיין חתונה איז געווען אין ארץ ישראל, אבער נאך דער חתונה בין איך צוריקגעקומען קיין סקווירא, וואו איך האב געוואוינט פאר ארום פינף יאר. דער סקווירא רבי זאל זיין געזונט האט אלעמאל ארויסגעוויזן א קרבה צו מיר. אפילו יארן שפעטער ווען איך האב שוין לאנג נישט געוואוינט דארט, האט ער מיך אלעמאל גאר שיין אויפגענומען ווען אימער איך בין געווען ביי אים.

## לעפקאוויטש כפרות צענטער

ווי דערמאנט, האט מיין טאטע ז"ל אנגעפירט מיט'ן פלייש געשעפט אין שיכון סקווירא. ארום אנדערהאלבן יאר פון מיין חתונה, ווען איך האב זיך דערזען אן א געהעריגן מקור הפרנסה, האט








מיך מיין טאטע גענומען ארבעטן צו אים אין פלייש געשעפט. איך האב זיך ממש געעקלט אנצורירן א הינדל, אבער מיין טאטע האט מיך צוביסלעך אויסגעלערנט איין זאך און נאך א זאך, ביז איך בין אים איבערגעשטיגן, און געווארן א יפה כח הבן מכח האב.

ווען איך האב דאס ערשטע מאל צוגערירט צו דער עלעקטרישער זעג וואס שניידט אויף דאס הינדל, איז מיין טאטע געווארן ממש היסטעריש, אבער בעז"ה האב איך דאס גאר שנעל געכאפט. איך האב אמאל געמאכט דעם חשבון, אז דורכאויס מיינע יארן האב איך געשניטן מיט דער זעג ארום אנדערהאלבן מיליאן עופות! איך פלעג אין איין מינוט ארויסנעמען די ביינער פון צען עופות. איך קען יעדעס קליינע ביינדל פון א הינדל, איך כאפ דאס אן און איך קען אנווייזן פינקטליך פון וועלכן טייל אינעם הינדל דאס קומט.

איך האב געארבעט אין פלייש געשעפט פאר צוואנציג יאר. אנגעהויבן האב איך אין שיכון סקווירא, און דערנאך האב איך אליין געהאט א געשעפט אין מאנסי. שפעטער האט זיך דער חלק פון דעם ביזנעס געענדיגט, און איך בין געבליבן נאר מיט די כפרות אום עשרת ימי תשובה.

אין מאנסי איז יארן לאנג נישט געווען קיין כפרות, עס איז נאר געווען אין סקווירא. איין יאר האט מען מיר געבעטן פון קהילה קדושה בעלזא אין מאנסי אז איך זאל ברענגען כפרות אהין ערב יום הקדוש, און דאס כשר מאכן. איך האב דאס געטון, און פארדינט עטליכע הונדערט דאלאר דערויף. איבער דאס יאר האט מען מיר שוין געבעטן אז איך זאל ברענגען פאר דער גאנצער גאס. א יאר שפעטער האט מען מיר אויך געבעטן פון קהילה קדושה וויזניץ, איך האב דאן געברענגט א טראק פון 500 כפרות. דעם קומענדיגן יאר איז שוין געווען 1,000, און דעם אנדערן יאר האב איך שוין געברענגט א טרעילער בשותפות מיט מיין טאטן אין סקווירא.

היינט בין איך שוין נישט אזוי בכח עס צו פירן. מיין זון שמואלי פירט עס אן. כהיום ברענגען מיר א שיינע צאל גרויסע טרעילערס, מיט צענדליגער טויזנטער כפרות.

מיר שיקן אלע כפרות צו דער שחיטה נאך אינעם זעלבן טאג, צו פאמיידן צער בעלי חיים. דעם פארגאנגענעם יאר איז 98 פראצענט געשאכטן געווארן. ערב יום כיפור שעכטן מיר אויפ'ן פלאץ און מען מאכט כשר אונטער דער השגחה פון התאחדות. פון די כפרות ווערן פארטיילן אומצאליגע פארציעס פלייש פאר טויזנטער עניים.

ווען איך בין געווען שטארק פארנומען מיט די כפרות, האב איך נישט געקענט פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, פלעג איך פארן צום ראחמיסטריווקער רבי'ן זצ"ל. עס הערט זיך קאמיש, אבער אזוי איז געווען, אנשטאט אומאן בין איך געגאנגען קיין ראחמיסטריווקא...

מיין טאכטער האט מיר אמאל געפרעגט, "וויאזוי קענסטו פארקערפערן אזויפיל סארט קרייזן אין איין מענטש?" האב איך איר געענטפערט, אז יעדער מענטש קוקט פאזיטיוו אויף די גוטע חלקים פון זיין קרייז/קהילה, אבער דער אמת איז אז יעדער פלאץ האט סיי מעלות און סיי חסרונות, און איך נעם די מעלות פון יעדן פלאץ. עס איז ביי מיר נישט קיין סתירה זיך צו אנגעהערן צו אזויפיל פארשידנארטיגע חסידות'ן. די חסרונות זענען מיך נישט מחייב, נאר די מעלות.

**אין ברסלב האט זיך געדרייט א איד ר' נחמן רוסישער, ער האט זיך געדרייט ביים סקווירא רבי'ן אין שטוב אין בוקארעסט נאכ'ן קריג, און ער האט מיר דערציילט איבער דעם גדלות פונעם סקווירא רבי'ן. ער האט מיר אפילו אויסגעלערנט זיין כל מקדש**

## געלונגענע הענט

פון נאטור אויס פארשטיי איך ב"ה גוט צו ארכיטעקטור. דאס הויז וואו איך וואוין בין איך אליין געווען דער ארכיטעקט. מיין ערשטער בוי פראיעקט וואס איך האב געמאכט איז געווען די טישן און בענק פון בית המדרש תולדות אהרן אין מאנסי. אין אנפאנג פלעג איך אליין האקן מיט'ן האמער, טראץ מיין שוואכער זע קראפט. איך קען נישט זאגן אז איך האב קיינמאל נישט געהאקט בטעות אויפ'ן נישט ריכטיגן פלאץ, און איך קען אויך נישט זאגן אז איך האב זיך קיינמאל נישט צעקלאפט א פינגער, אבער איך האב ב"ה מצליח געווען דאס צוזאמצושטעלן על צד היותר טוב. שפעטער האב איך שוין גענומען א צווייטן, איך האב אים געוויזן וואו צו קלאפן און דרילן.

איינע פון די זאכן וואס איך האב אליין צוזאמגעשטעלט איז געווען א מצה-אויוון. איך האב פינקטליך אויסגערעכנט יעדן טייל פונעם אויוון, און איך האב אפילו אויסגערעכנט אז מען זאל דאס קענען גרינג צענעמען און צוריק צוזאמשטעלן, כדי אז ווען משיח וועט קומען זאל מען דאס קענען ניצן, ווייל אלעס איז דאך היינט טמא, און לעתיד לבוא וועט מען דאך דארפן כשר'ן די כלים, און דער אויוון איז א כלי חרס וואס מען קען נישט כשר'ן, און דער איינציגער וועג וויאזוי מען קען דאס מטהר זיין איז דורכ'ן צענעמען אויף א וועג אז מען קען זיך מיט גארנישט באניצן מיט קיין איינעם פון די שטיקלעך. האב איך אויסגערעכנט אז מען זאל קענען דעם אויוון גרינג צענעמען אז עס זאל ווערן טהור, און דערנאך גרינג צוזאמשטעלן. איך האב געהאט דעם אויוון דא ביי מיר אינדערהיים, אבער שפעטער האב איך דאס פארקויפט פאר איינעם אין וויליאמסבורג וואס האט דאס געניצט צו פארברענען חלה.

איך האב אויך געהאט א גרויסן טייל אין בויען דעם ברסלבער בית המדרש דא אין מאנסי. דער בנין איז געווען א הויז, און מען האט אריגינעל פשוט געוואלט עפענען אלע ווענט אז עס זאל ווערן איין גרויסער היכל פאר'ן בית המדרש. אבער איך האב גע'טענה'ט אז אויב וועט מען אזוי טון, וועט מען זיך דערזען מיט א קוימען אינמיטן דעם בית המדרש, און נאך פארשידענע טיילן פון דעם אריגינעלן הויז וואס וועלן נישט שטימען מיט'ן געברויך פון א בית המדרש. האב איך פארגעשלאגן אז מען זאל צובויען צום הויז א נייעם בנין פאר'ן בית המדרש, און דאס הויז זאל מען פארדינגען.

איך האב געמאכט א פינקטליכן פלאן וויאזוי אויסצובויען דעם ליידיגן שטח. עס איז נישט געווען גרויס, אבער איך האב געהאט א שיינעם פלאן פאר א לייטישן היכל הבית המדרש, מיט א בית שני, מיט אלעס ארום פאר א פול-



פונקציאנירנדן בית המדרש. איך האב אפילו דעזיינט א פארקינג לאט מיט פלאץ פאר 27 קארס.



> איך האב געצויגן ביי מיר אינדערהיים עלעקטריק און פלאמבינג. איך קאך און באק אליין נאך היינט

איך האב געצויגן ביי מיר אינדערהיים עלעקטריק און פלאמבינג. איך קאך און באק אליין נאך היינט. נישט לאנג צוריק האט מיך אנגערופן א פרוי וואס האט געמאכט א פראגראם פאר מיידלעך וואס קענען ל"ע נישט זען, זי האט מיר געברענגט א בלינד מיידל, און איך האב איר אויסגעלערנט צו פלעכטן חלות.

ווען איך בין געבוירן געווארן, זענען געווען גאר ווייניג מענטשן מיט דער סארט פראבלעם וואס איך האב, היינט איז דאס ליידער פיל מער פארשפרייט. גאנץ אפט באקום איך טעלעפאן רופן פון מענטשן וואס האבן אליין די פראבלעם אדער וואס האבן א קינד דערמיט. בס"ד פרוביר איך זיי צו העלפן מיט ראט אויף ווי ווייט מעגליך.

## תורה מתוך הדחק

הרב ר' משה איז טאקע בייגעקומען פיל שוועריגקייטן אין לעבן, אבער איין פראבלעם וואס באדערט אים טעגליך איז דאס לערנען. יעדער איד וואס וויל לערנען עפנט א ספר און זעצט זיך לערנען כל מה שלבו חפץ.

הרב ר' משה איז א גרויסער תלמיד חכם און מתמיד, דאך האט ער געבונדענע הענט, ער קען נישט לערנען וואס ער וויל, נאר וואס ער קען שוין אויסנווייניג אדער וואס אנדערע לערנען מיט אים. דאס שטעלט אים אבער נישט אפ, און ווי אלע שוועריגקייטן קומט ער דאס אויך איבער. עס איז

## זיך רעבענען מיט יענעם

רעדנדיג איבער די פיזישע שוועריגקייטן וואס ער און זיין חשוב'ע בני בית פארמאגן, שפירט ר' משה פאר וויכטיג צו באטאנען די שוועריגקייטן וואס מענטשן מיט פיזישע באגרעניצונגען גייען גייסטיג און פיזיש אריבער ווען זיי זעען אז מען רעכנט זיך נישט מיט זייערע געברוכן.

"עס איז א גרויסע עוולה אז ווען מען בויט קאמערציעלע געביידעס, ווי בתי מדרשים וכדומה, רעכנט מען זיך נישט מיט די געזעצליכע פארשריפטן פאר אינוואלידן. די פארשריפטן זענען דאך א חסד פון דער גוי'אישער רעגירונג פאר די אינוואלידן. אויב א גוי פארשטייט דעם געברויך פון דעם חסד, איז א חילול ה' אז אידן פארשטייען דאס נישט.

מען דארף אין יעדן ציבור'ישן בנין האבן ברייטע טירן, און א גרעסערן בית הכסא, עס זענען ליידער פאראן מענטשן וועלכע דארפן דאס האבן. עס איז זייער נישט אידישליך אז צוליב אביסל געלט אדער טירחה דרייט מען זיך ארויס דערפון."

אבער נישט גרינג.

מענטשן וועלכע קענען ליידער נישט זען, באניצן זיך היינט צוטאגס מיט "ברעיל" צו קענען ליינען. ברעיל איז א ספעציעלער וועג פון שרייבן מיט פינטלעך וואס שטעקן זיך ארויס פונעם פאפיר, אז דער ליינער זאל קענען אריבערפירן זיין פינגער אויפ'ן פאפיר און אזוי וויסן וואס עס שטייט דארט.

עס איז שוין דא היינט צו באקומען כל התורה כולה אויף ברעיל. דאך איז עס נישט גרינג פאר ר' משה, וויבאלד ברעיל איז צושטאנד געקומען ווען ער איז שוין געווען אן ערוואקסענער, דעריבער האט ער זיך דאס נישט אזוי דערלערנט. "איך קען ליינען ברעיל, אבער נישט אזוי פליסיג," ערקלערט אונז ר' משה פארוואס ער ניצט נישט צופיל ברעיל צום לערנען אדער ליינען.

"איך דארף נאך היינט הילף ווען עס קומט צום לערנען," שילדערט ר' משה איינס פון זיינע טעגליכע שוועריגקייטן. "איך הער צומאל אויס רעקארדירונגען פון שיעורי תורה, אבער עס איז מיר נישט צום הארצן. דאס בעסטע איז ווען איך האב א חברותא. איך קען זיין צעטראסקעט מיד, אבער ווען איך הייב אן צו לערנען איז תורת ה' תמימה משיבת נפש, איך באקום ב"ה אן אויסטערלישע חיות און איך שלעפ מיט מיין חברותא אינעם אש התורה." ווער עס לערנט נאר אמאל מיט ר' משה קען מעיד זיין דערויף.

רבי משה ניצט אויס רוב שעות אין טאג צו לערנען, דאך ווערט ער נישט געזעטיגט. ער וויל לערנען נאך, און גלייכצייטיג ניצט ער אויס די געלעגנהייט צו אפעלירן פאר נאך חברותות.

"איך זוך שטארק חברותות. מיין אידענטיטעט איז ברייט באקאנט, ספעציעל דא אין מאנסי, און ווער עס איז מסכים צו לערנען מיט מיר אין סיי וועלכער צייט, וועל איך זיך זייער פרייען צו לערנען מיט אים. איך גאראנטי אז ער וועט בעז"ה אויך הנאה האבן צו לערנען מיט מיר.

"איך קען ב"ה כמעט גאנץ ש"ס און משניות אויסנווייניג, אזוי ארום איז מיר ב"ה געשמאק און אנגענעם צו לערנען ווען איך האב א חברותא. צו מיין שוועריגקייט פון נישט קענען זען ל"ע, האט מיר דער רבונו של עולם באשאנקען מיט אן אויסטערלישן זכרון, און איך געדענק ב"ה רוב ש"ס בעל פה, אבער עס לערנט זיך נישט געשמאק ווען מען קען בלויז חזר'ן אליין אויף אויסנווייניג אן א חברותא."

## האמנתי כי אדבר

*צום שלוס בעטן מיר ר' משה אויב ער קען אביסל איבערגעבן פון זיין ערפארונג פאר אנדערע אידן וועלכע מאכן מיט פארשידענע שוועריגקייטן, וויאזוי און מיט וואס זיך מחזק צו זיין.*

הרה"ק ר' נחמן ברסלבער זי"ע שרייבט, "מי שיש לו אמונה חייו חיים." ב"ה אז מיינע נסיונות האבן בלויז געשטארקט מיין אמונה, און נישט בלויז וואס איך בין גליקליך און צופרידן, נאר איך וואלט זיך מסתמא נישט געוואלט טוישן מיט קיינעם.

נסיונות לייטערט אויס, און האמנתי כי אדבר, ווען מען לעבט מיט שוועריגקייטן, דארף מען כסדר חזר'ן אז אלעס איז פונעם טאטן אין הימל איז לטובה. ווען מען האלט דאס פאר זיך שטארקט דאס בלויז די אמונה, עס ווערט א חלק פונעם לעבן. דאס איז א מציאות, עס שטייט אין אלע ספרים הקדושים, אין יעדן ספר זע איך דאס.

און דאס וויכטיגסטע איז, נישט ליגן אין דער פראבלעם! נאר פרובירן איבערצוקומען די שוועריגקייטן און אנגיין דאס בעסטע וואס מעגליך!

טראץ וואס סיי איך און סיי מיין געטרייע אשת חיל זענען פיזיש באגרעניצט, איז מיין שטוב ב"ה אלעמאל געווען א ליכטיגע פרייליכע שטוב. מיר האבן אייביג געפירט א ריינע שיינע שטוב ווירטשאפט. ווען עס האט זיך געמאכט אז קינדער קרובים האבן געדארפט איינשטיין ערגעץ, האבן זיי אלץ געגליכן צו קומען צו אונזער שטוב, מיר האבן ב"ה אלעמאל אנגעהאלטן מיט א נאטירליכקייט די שמחת החיים.




דער לוח
פונעם אבי
היתומים

ווערט אליין דער
בעל שמחה!

פירט א יתומה צום חופה

SimchaFund

כאפט אויך אריין
דעם אויסטערלישן מצוה.

simchafund.com

845-517-0656

רעזערווירט א חתונה אויף
אייער ספעציעלן טאג